בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**תרומה**

**ד' אדר תשפ"ג**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:57 |
| מוצש"ק | 6:10 |
| ר"ת | 6:51 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:17 | סוז"ת א' | 9:28 |
| סוזק"ש ב' | 8:59 | סוז"ת ב' | 9:56 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': **יט**

## טיב המערכת

### – ◆ ויקחו לי ◆ –

אסאך טינט איז שוין פארגאסן געווארן צו ערקלערן די ווערטער, וועלנדיג פארשטיין פארוואס עס שטייט אין פסוק "וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה" און נישט "וְיִתְּנוּ לִי"? ווייל מען רעדט דאך דא פון געבן, איז פארוואס שטייט א לשון פון נעמען. וועלן מיר, כְּדַרְכֵּנוּ, רעדן וועגן אמונה.

עס איז דא אן איידעלער איד אין ירושלים עיר הקודש, וואס ווען מען פרעגט אים אויף עפעס, צי עס איז זיינס, ענטפערט ער: דאס באלאנגט צום אויבערשטן, און דו קענסט נעמען דערפון אן רשות, ווייל דער אויבערשטער האט עס געלאזט ביי מיר. למעשה, לערנט מען דאס אין אונזער פרשה, פון די ווערטער "וְיִקְחוּ לִי". דערמיט איז די תורה איז מרמז, אז עס איז נישט פארהאנען אזא זאך ווי 'געבן' פארן אויבערשטן, נאר מען נעמט. אויך ווען מיר געבן צדקה, וואס דעמאלטס וואלט מען אייגנטליך געקענט טראכטן, אז מען האט 'געגעבן' צדקה, אבער דער אמת איז אז אלעס וואס מיר געבן איז דאך פונעם אויבערשטנס, ווייל ער איז דער 'קונה הכל', און אלעס געהערט צו אים, און אויב ער וויל קען ער איבערגעבן מיין גאנצע געלט און פארמעגן צו אן אנדערער אין יעדן רגע וואס ער וויל, קומט אויס אז דאס וואס איך קען זיין דער 'נותן' איז נאר דורכדעם וואס דער אויבערשטער האט מיר געגעבן דעם מעגליכקייט צו געבן, און דאס האט ער געטון כדי מיר צו געבן די זכות צו מקיים זיין די מצוה און באקומען שכר דערויף, אזוי אז מיטן געבן בין איך אייגנטליך א 'מקבל'.

עס ווערט דערציילט, אז הרה"ק בעל "דברי יואל" מסאטמאר זצוק"ל, האט אמאל געבעטן אן עושר, אז ער זאל תורם זיין א גרויסן סכום פאר צדקה, און דער עושר האט אים געענטפערט אז ער קען דאס נישט טון, וויבאלד ער האט אויפגעבויט זיינע געשעפטן און זיין גאנצן פארמעגן מיט זיינע צען פינגער. האט דער רבי זי"ע געזאגט צו אים: דאס וואס דו זאגסט, ווערט ביי אונז אנגערופן "סיעתא דשמיא", עס איז נישטא ביי אונז אזא זאך ווי 'איך האב געמאכט', נאר אלעס איז פונעם אויבערשטן.

דעם זעלבן כלל איז אויך ריכטיג אנבאלאנגט אנדערע מצוות. אויך ווען א איד לערנט אדער דאוונט, זאל ער נישט טראכטן אז ער טוט דערמיט א 'טובה' פארן אויבערשטן, נאר פונקט פארקערט, דער אויבערשטער טוט אים א טובה אז ער גיבט אים דער מעגליכקייט צו מקיים זיין די מצוות. דעריבער זאגט דער פסוק "וְיִקְחוּ", ווייל נאר ווען א מענטש דערגרייכט די השגה אז אלעס באלאנגט פארן אויבערשטן און דער מענטש אליין האט גארנישט, נאר דעמאלטס וועט מעגליך זיין אז פון זיין געלט זאל מען קענען בויען א משכן אין וואס עס וועט מקוים ווערן דעם פסוק "וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם".

(עפ"י טיב התורה-תרומה)

## טיב הפרשה

### אין הימל וויל מען אונזער הארץ – מאת כל איש אשר ידבנו לבו

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר וויאזוי כלל ישראל האט אינאיינעם געבויט א משכן, א הויז פאר השי"ת, ער זאל קענען שורה זיין צווישן אונז.

פון דער וועג וויאזוי מען האט געבויט דער בית המקדש לערנען מיר זיך ארויס אסאך זאכן, אבער איינס פון די הויפט נקודות באהאלט זיך אין די ווערטער 'מאת כל איש אשר ידבנו לבו'.

אין די וועלט איז אנגענומען אז ווען מען גייט ארויס אויף א מגבית וועט מען ערשט מאכן א חשבון ווער זענען די רייכע, ווער זענען די ארעמע, פון וועמען קען מען בעטן מער, פון וועמען ווייניגער, אבער אין די תורה הק' ווערן די אלע זאכן נישט אויסגערעכענט, בלויז איין נקודה ווערט דא דערמאנט, די נקודה פון 'מאת כל איש אשר ידבנו לבו', די הארץ. ווער עס האט א הארץ, ער זאל מנדב זיין, ווייל די הארץ פון א איד איז דער עיקר פון אלעס ווען עס קומט צו בויען א בית השם, ווי דער פסוק זאגט אונז שוין 'בני תנה לבך לי'.

אז עס איז דא די הארץ איז אויך דא די נדבה, און דאס איז נישט נאר ביי ארעמע אידן נאר אויך ביי די רייכע. אויך א רייכער איד, אויב עס פעלט אים דער הארץ פאר די צוועק וועט ער זיך ארויסדרייען און נישט וועלן געבן קיין געלט. אזא איד וועט אייביג אויפקומען מיט תירוצים פארוואס ער קען 'יעצט' נישט געבן און פארוואס ער איז בעצם פטור פון געבן, און צומאל וועט ער זיך לאזן איינרעדן פון זיין שלעכטע הארץ און האבן סיבות פארוואס ער מעג בכלל נישט געבן יעצט, אבער אז דער איד וועט האבן א הארץ פאר די זאך וועט ער אייביג געבן.

די דערמאנטע נקודה פון די הארץ איז אויך נוגע ביי אנדערע זאכן. ווען עס רעדט זיך פון עבודת השם וועט א איד זיך נישט קענען רוקן ווייטער אין זיין וועלטל אויב די הארץ איז נישט דא.

אסאך מענטשן מיינען אז די כשרונות אדער די נאטורן מאכן די חילוק צווישן איין מענטש און די אנדערע. מען לייגט אן אז יענער איז אזוי מצליח ווייל יענער האט אזא און אזא כשרון אבער עס איז א טעות, ווייל די חילוק ליגט אין די הארץ פון א מענטש.

מען קען זיך איבערצייגן דער געדאנק ווען עס קומט צו גשמיות'דיגע זאכן. ווען א מענטש טרעפט זיך אין א געוויסער מציאות אז ער מוז עפעס האבן זייער וויכטיג, וועט ער איינלייגן וועלטן פאר דעם, אפגעזען ווי גוט און ווי געלונגען ער איז, ווייל ווען עס איז דא א רצון קומט מען אן זייער ווייט.

מען דערציילט אז דער בית הלוי איז געווען אן איידעם ביי א חסיד'ישער איד פון די קאברינער חסידים. האט זיך אמאל געמאכט אז דער צדיק רבי משה קאברינער זצוק"ל איז געווען צוגאסט אין שטוב פון דער שווער פון דעם בית הלוי אויף עטליכע טעג און דער שווער האט געהאט חשק אז דער איידעם זאל באקומען א קשר צו דעם רבי'ן אבער אזוי ווי ער האט געהאט צוגעזאגט פאר'ן בית הלוי אז ער וועט זיך נישט אריינמישן אין זיין פריוואטער לעבן האט ער אים נישט געקענט בעטן ער זאל צוגיין צו אים.

דער שווער האט געטראכט פון א געדאנק. נאך אסאך מחשבה האט ביי אים אויפגעבליצט א טשיקאווער געדאנק. דער שווער האט גענומען די זאכן פון דעם רבי'ן און עס אריינגעלייגט אין צימער וואו דער בית הלוי איז געזעסן און געלערנט פון צופרי ביז ביינאכט.

ווען דער קאברינער רבי האט געדארפט אהיימפארן און געזוכט זיינע זאכן האט ער געמוזט אריבערגיין אין די צימער פון דער בית הלוי און ארויסנעמען פון דארט זיינע זאכן. אנקומענדיג אהין האט ער געזען ווי דער יונגערמאן זיצט און לערנט אזוי פלייסיג, און האט זיך אנגערופן צו אים אז ער האט פאר אים א קשיא.

אין דער ערשטער סעיף פון שלחן ערוך שטייט געשריבן 'שויתי השם לנגדי תמיד, הוא כלל גדול בתורה' און ער פרעגט אים וויאזוי האט ער געקענט אריבערגיין אויף דעם סעיף. דער בית הלוי האט געזאגט אז עס איז אויך אים שווער געווען און אויסגעשמועסט אז ער פארשטייט נישט די ווערטער פון דער רמ"א.

דער רמ"א אויפ'ן ארט לייגט צו אז ווען א מענטש וועט משים זיין אויף זיין הארץ אז

>>> | המשך אין עמוד ב' |

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

דער גרויסער קעניג, וואס איז מלוא כל הארץ כבודו, שטייט נעבן אים און זעט זיינע מעשים, ווי עס שטייט אין פסוק 'אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום השם', וועט ער גלייך ווערן פול מיט יראה און הכנעה און זיך שעמען פון השי"ת שטענדיג.

"און איך". האט דער בית הלוי אויסגעפירט.

"איך האב שוין אסאך מאל געטראכט פון דעם און איך האב נישט זוכה געווען אנצוקומען דורכדעם צו יראה"?

האט אים דער רבי געזאגט אז ער דארף מדייק זיין אין דער לשון השו"ע. עס שטייט נישט ווען דער מענטש וועט טראכטן. עס שטייט ווען דער מענטש וועט 'משים' זיין, און דאס איז שוין א צווייטער סארט עבודה.

ווען א מענטש לעבט מיט דעם, ער איז מרגיש אז השי"ת געפינט זיך נעבן אים, האט עס אן אנדערע משמעות, עס גייט אריין אין דיביינער.

דער בית הלוי האט גאר שטארק הנאה געהאט פון דער געדאנק און כל ימיו פלעגט ער עס איבער'חזר'ן פאר אנדערע, זאגנדיג אז דער חסידישער רבי האט אים אויסגעקלארט די נושא.

און דאס איז די נקודה פון א איד, אז אויב די הארץ איז ריין, איז די עבודה מרוצה פאר'ן באשעפער, אפילו אויב צומאל איז די עבודה געמאכט מיט א תמימות, נישט ווי עס קומט אויס לויט די הלכה.

עס איז באקאנט אז אין די צייטן פון דער אריה"ק האט א תמימות'דיגער איד אמאל געהערט א דרשה פון א רב אין צפת וואס האט מאריך געווען ארומצורעדן איבער די גרויסע הנאה און נחת רוח וואס השי"ת האט געהאט ווען מען האט מקריב געווען פאר אים די לחם הפנים.

דער רב האט אויסגעפירט אז היינטיגע צייטן ווען מיר האבן נישט קיין בית המקדש - איז אין הימל דא א גרויסער בענקעניש צו די יעניגע צייטן. צווישן די אידן וואס זענען געזעצן און אויסגעהערט דער שיעור איז אויך געווען א תמימות'דיגער איד. הערנדיג ווי דער רב שילדערט מיט הארציגע פארבן די נושא איז זיין הארץ געווארן פול מיט צער אז מען איז מער נישט זוכה צו קענען מקיים זיין די מצוה, אז עס פעלט פאר די שכינה די געשמאקע תענוג, און ביי אים אין קאפ האט אויפגעבליצט א געדאנק.

אהיימקומענדיג אין שטוב האט ער דערציילט פאר זיין ווייב וואס ער האט געהערט פון די דרשה און אראפגעלייגט מיט אלע קאלירן פאר זיין ווייב די נחת רוח וואס השי"ת האט געהאט ווען מען האט מקריב געווען פאר אים די לחם הפנים און וויאזוי עס פעלט אזוי שטארק אויס אין הימל די געשמאקע נחת רוח.

זיין פרוי איז געווארן מורא'דיג איבערגענומען פון איר מאנ'ס ווערטער און זיי האבן אינאיינעם באשלאסן אז זיי גייען צוריק באנייען דער מנהג.

די פארפאלק איז געווען זייער ארעם. זייער געהאלט איז געווען אזוי מאגער, אבער מיט דעם אלעם האבן זיי באשלאסן אז זיי וועלן אראפציפן פון זייער מאגערע געהאלט און יעדע וואך וועלן זיי מקריב זיין די לחם הפנים. זיי האבן גענומען אויף זיך אז יעדע וואך וועלן זיי מקריב זיין צוויי חלות אויף שבת.

די צוויי חלות האבן זיי אנגעגרייט מיט אלע דיקדוקים און פרטים, איבערגעזיפט די מעל מיט דרייצן זיפן, ווי עס איז געווען דער שטייגער אין בית המקדש, און געבאקן די חלות, און ווען זיי האבן עס געענדיגט אפבאקן האבן זיי עס אריינגעלייגט אין ארון הקודש.

ווען זיי האבן אריינגעלייגט די חלות אין שול איז די שול געווען ליידיג. עס האט נישט געדויערט לאנג און דער שמש פון שול איז אריינגעקומען אין שול און נאכ'ן צוריכטן די שול האט ער געכאפט א בליק אין דעם ארון הק' און ער גלייבט נישט וואס זיינע אויגן זעען.

אין די ארון הק', צווישן די ספרי תורה, ליגט אריינגעלייגט צוויי פרישע חלות.

דער שמש, א בלוטיגער ארעמאן, איז געווען אויסערזיך פון שמחה, ער האט געדאנקט השי"ת אז ער האט חלות פאר שבת און האט עס אהיימגענומען צו זיך אין שטוב.

צו דער מזל פון דער שמש האט זיך די זעלבע זאך איבערגע'חזר'ט וואך נאך וואך און יעדע וואך האט ער געדאנקט השי"ת אז מען שיקט אים פון הימל צו חלות פאר זיינע ארעמע קינדער אויף שבת.

דער שמש האט זיך געפריידט מיט די חלות און דער איד האט זיך געפריידט אז די חלות זענען נישט דא, מיט זיין תמימות איז ער געווען זיכער אז זיי ווערן אנגענומען אין הימל און א מלאך קומט אראפ יעדע וואך און איז עס מקריב אין דער בית המקדש של מעלה.

איין וואך, ווען דער איד איז אריינגעקומען אין שול צוברענגען די חלות, איז דער רב פון די שול געווען אנוועזענד אין שול און זעענדיג ווי דער דארפס־איד ברענגט אריין צוויי חלות אין שול און גרייט זיך עס אריינצולייגן אין דער ארון הקודש, האט ער אים אפגעשטעלט.

"וואס טוסטו? חלות אין אן ארון הקודש? עס איז דאך חילול הקודש"!

ווען דער איד האט עס געהערט האט ער דערציילט פאר'ן רב איבער זיין מנהג, אז ער ברענגט יעדע וואך די חלות און מען איז עס מקבל אין הימל, און א ראיה דערצו האט ער אז די חלות ווערן נעלם.

דער רב האט זיך צושמייכלט.

"דו מיינסט טאקע אז מען נעמט עס צו פון הימל? דער שמש עסט עס אויף".

דער רב האט געלאזט רופן דער שמש און אים געפרעגט צי ער ווייסט וועגן וואס ער רעדט. דער שמש האט זיך מודה געווען אז יא, אז וואך נאך וואך, נעמט ער די חלות פון שול.

דער שמש האט זיך פארענטפערט אז ער איז געווען זיכער אז דער איד וואס לייגט אונטער די חלות האט געטראפן א וועג וויאזוי ער קען אים שטיצן אין זיין ארעמקייט.

ווען דער איד האט עס געהערט איז ער געווארן זייער צובראכן. ביי זיך איז ער געווען זיכער אז ער מאכט דא א נחת רוח פאר השי"ת, אז אין הימל פריידט מען זיך מיט זיינע חלות, אבער דא ווערט ער געוואויר אז עס איז פונקט די פארקערטע, אז ער גייט דא קעגן די הלכה.

א שטיק צייט שפעטער איז דער הייליגער אריה"ק געקומען צו גיין צו דעם רב און אים דערציילט אז די מעשה האט ערוועקט אויף אים אין הימל א גרויסע קטרוג. דער אריה"ק האט אים דערציילט אז פון די חורבן בית שני האט מען אין הימל נישט געהאט אזא נחת רוח, ווי דער איד האט געמאכט, און דא האט עס דער רב צושטערט.

דער אריה"ק האט מגלה געווען פאר דעם רב אז עס איז נגזר געווארן אויף אים אז ער דארף אוועקגיין פון די וועלט צוליב די גרויסע צער וואס ער האט גורם געווען למעלה.

וואס מען לערנט זיך ארויס פון די מעשה איז, אז אין הימל רעכענט מען זיך די מערסטע מיט די הארץ פון א מענטש, וויפיל הארץ דער מענטש לייגט אריין אין די זאך, צי די מענטשליכע הארץ איז ריין און האט באמת אינזינען צו מאכן א נחת רוח פאר'ן באשעפער, ווייל דאס איז חשוב אין הימל.

אז א איד מאכט א זאך מיט א ריינע הארץ קען ער זוכה זיין אז אויך היינטיגע צייטן ווען דער בית המקדש איז חרוב זאל זיין עבודה זיין חשוב למעלה ווי בזמן הבית, אפילו אז דער בית המקדש שטייט נישט, ווייל דער עיקר פון יעדע עבודה איז די הארץ פון א איד.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## א חסד מיט זיך - א חסד מיט יענעם

מה אשיב לה'? באשעפער, מיט וואס קענען מיר דיר צוריקצאלן?

די שאלה האבן די חברים געהאט נאך דעם וואס מען האט זוכה געווען אז פון די הימלען האט אראפגערעגנט גשמי ברכה.

טראכטנדיג אזוי פון וואס מיר קענען צוריקצאלן פאר השי"ת איז אונז בייגעפאלן א שיינער געדאנק.

ווען עס רעגנט, קען מען זען ווי שווער עס מוטשען זיך די דורכגייער. זיי ווערן דורכגעווייקט נאס פון די רעגן, אין די זעלבע צייט ווען מיר זיצן אין די קאר און דערווארעמען זיך צו די ווארעמע עירקאנדישען.

מיר האבן באשלאסן צווישן אונז אז פון היינט און ווייטער וועלן מיר מאכן הכנסת אורחים מיט די קאר, אז מיר וועלן זען א איד שטיין אין די רעגן וועלן מיר אים ארויפנעמען.

מיט א פעסטע החלטה האבן מיר זיך גענומען צו טון למעשה און נאך יענער נאכט האט אונז השי"ת מזכה געווען אז זעענדיג א יונגערמאן אין גאס שלעפט זיך פעקלעך און די פעקלעך ווערן נאס פון די רעגן, האבן מיר אים איינגעלאדענט ער זאל ארויפקומען צו אונז אין די קאר.

"איך וויל נאר אנקומען צו די באס סטאנציע, דארטן וועל איך כאפן א באס און אהיימפארן מיט די באס ביז צום שטוב".

אבער מיר זענען נישט געווען צופרידן.

אריינטראכטנדיג אין זיין מצב, וויאזוי ער וועט זיך דארפן שלעפן מיט די באס, איבער די גאסן, האבן מיר באשלאסן אז מיר גייען אים צופירן ביז'ן שטוב.

"וואו וואוינט א איד"? האבן מיר געוואלט וויסן.

מיר האבן אים צוגעפירט צום שטוב. דער איד וואוינט אין א בעסערע געגענט. א רגע איידער ער איז אראפ פון די קאר האט ער אונז אויסגעקלארט אז ער דינגט דא א בעיסמענט, אז עס זאל אונז נישט דוכטן אז ער איז אן עושר.

מיר האבן אים אראפגעלייגט דארט און זיך געזעגענט מיט דעם איד.

א רגע איידער דער איד איז אראפ האבן מיר געזען ווי ער געבט א נעם אלע זיינע פעקלעך און ער גייט אראפ.

צומארגענס, בעפאר מיר זענען געגאנגען דאווענען האבן מיר, ווי געווענליך געוואלט נעמען די טלית און תפילין פון די קאר, אבער עס איז נישט דא.

וואו האט עס געקענט אהינקומען? מיר האבן זיך געוואונדערט. מען האט געזוכט און געזוכט, אבער עס איז נישט צום געפינען.

פלוצלונג האב איך זיך דערמאנט פון מיין נעכטיגער גאסט, איך האב געטראכט צו מיר אז אפשר ווען ער האט געגעבן א נעם ארויס אלע פעקלעך האט ער מיטגענומען אויך מיין תפילין.

איך בין אראפגעפארן אהין, עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז טאקע אזוי געווען, און אראפגייענדיג פון די קאר האט ער אומוועלנדיג געגעבן א שלעפ מיין תפילין.

איך האב געדאנקט השי"ת אז איך האב אים צוגעפירט ביז צום טיר, אזוי ארום האב איך געוואוסט וואו צו גיין עס אפנעמען.

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

# אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ?

"וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה, מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ, תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי וגו'" (כה, ב)

זענען די ספרים הקדושים מסביר, אז דאס אליין "אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ", אז דער מענטש געבט זיין הארץ, דאס אליין איז די תרומה, די נדבה, וואס מען זאל נעמען פון זיי, דאס איז די "תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי". ווייל דער עיקר וואס מען וויל פון אונז איז, אז מען זאל געבן דאס הארץ און דעם רצון פארן אויבערשטן, ווייל "רַחֲמָנָא לִבָּא בָּעֵי" (סנהדרין קו:), דער אויבערשטער וויל דאס הארץ, אבער וועגן דאס גאלד און זילבער זעלבסט, שטייט דאך אין פסוק "לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב נְאֻם ה'" (חגי ב, ח).

ענדליך דערצו זאגט מען פשט אינעם פסוק (כה, ט): "כְּכֹל אֲשֶׁר אֲנִי מַרְאֶה אוֹתְךָ וגו', וְכֵן תַּעֲשׂוּ". ווייל דער בית המקדש של מטה איז דאך נאר א תוצאה פונעם בית המקדש של מעלה, און אלעס וואס מען טוט אונטן איז לויט וואס דער אויבערשטער האט געוויזן פאר משה רבינו אויבן, נאר "וְכֵן תַּעֲשׂוּ", איר זאלט זיך מאכן אזוי ווי איר טוט עס (עי' רש"י לט, לג), דורכדעם וואס איר וועט געבן אייער רצון און אייער הארץ, און דורכדעם וועט אלעס געטון ווערן אויבן.

אזוי איז אויך ביי אלע ענינים, וואס דער מענטש געבט זיין הארץ און זיין רצון פארן אויבערשטן, און פון הימל פירט מען שוין צו אז דער זאך זאל אויסגעפירט ווערן אזוי ווי עס דארף צו זיין. ווייל דער מענטש אליין קען נישט וויסן וויאזוי די זאך וועט אויסגעפירט ווערן, נאר, דער מענטש דארף טון זיין פליכט, און פון הימל וועט מען עס שוין משלים זיין אויפן בעסטן וועג!

אזוי ווי די פאלגנדע מעשה...

•••

א חשוב'ע און ספעציעלע מיידל איז זי געווען, א קינד פון א פרייע און זייער רייכע משפחה אין ארץ ישראל, וועלכע האט נארוואס געענדיגט מיט גרויס הצלחה אירע פילע לערנונגען, און באקומענדיג איר אזוי אויסגעווארטע אויסצייכענונג, האט זי זיך ארויסגעלאזט אויף א לאנגע רייזע אינעם ווייטן מזרח, ווי דער שטייגער פון פילע יוגנטליכע אין אונזערע צייטן, וואס לאזן זיך ארויס אויפצוזוכן דעם 'טעם פונעם לעבן' אין אינדיע, נעפאל, און נאך אזעלכע פארווקטע ערטער...

דארט האט זי זיך ליידער געגליטשט טיפער און טיפער, לא עלינו, אנקומענדיג צו די נידעריגסטע ערטער, אריינפאלנדיג אין די הענט פון די סטרא אחרא ביי די פארשידענע 'עבודה זרה' וואס זענען דארטן פארהאנען, ביז זי האט, מיט די צייט, אפגעריסן יעדן פארבינדונג מיט אירע חבר'טעס און משפחה מיטגלידער אינעם הייליגן לאנד, וועלכע האבן פון איר מער נישט געהערט.

אירע עלטערן האבן זיך זעלבסטפארשטענדליך זייער שטארק געזארגט פאר איר, און זענען געווען אויסער זיך פון גרויס צער און זארג, נישט וויסנדיג וואס עס טוט זיך מיט זייער טאכטער. וויפיל זיי האבן נאר פראבירט אויסצוגעפינען, אויף פארשידענע וועגן, וואו זי געפינט זיך און וואס זי מאכט, איז עס זיי נישט געלונגען. די מיידל איז ווי פארשוואונדן געווארן!

אין די זעלבע משפחה, איז אויך געווען א יונגערמאן, דער עלטסטער זון פון די פאמיליע, און גרעסטער ברודער פון די מיידל, וועלכער האט בחסדי השי"ת זוכה געווען צו תשובה שלימה, און האט אויפגעשטעלט א שיינע אידישע שטוב מיט א בעלת־תשובה אזוי ווי אים. זעענדיג דעם געוואלדיגן צער פון זיינע עלטערן, האט ער נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיג, און וועלנדיג מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם האט ער זיך ארויסגעלאזט אין וועג צו די ווייטע רייזע צום ווייטן מזרח, צו ארויפגיין אויף די שפורן פון זיין פארלוירענע שוועסטער.

נאכן פארן א לאנגע צייט, איז דער יונגערמאן אנגעקומען אין די פארווארפענע ערטער וואו זיין שוועסטער איז געפארן, און נאך גרויס פלאג האט ער געפינען זיין שוועסטער, בסיעתא דשמיא, אין איינע פון די פארווקטסטע שטעטלעך אין אינדיע...

צו זיין גרויס וואונדער האט ער אויסגעטראפן, אז זיין שוועסטער איז פארכאפט געווארן אין איינס פון די מערסטע עקסטרעמע גרופעס אין אינדיע, וועלכע זענען אינגאנצן פארזינקען אין די טיפענישן פון זייער עבודה זרה, און זענען שטענדיג פארטיפט אין זייערע נארישקייטן, אויף אזוי ווייט אז זיי האקן אפ יעדן פארבינדונג מיט די דרויסנדיגע וועלט.

פונקט מיט דעם גרופע האט די מיידל געפינען דעם 'טעם פון לעבן' לויט איר מיינונג, אויף אזוי ווייט אז צוליב איר שטארקן קשר אינעם גרופע האט זי געפינען חן אין די אויגן פון זייער הויפט 'גלח', וועמען זיי רופן 'גורו', וועלכער איז ממש אזוי ווי א קעניג וואס געוועלטיגט אויף אלע מענטשן וואס געהערן צו די גרופע, און ער האט איר פארגעשלאגן חתונה צו האבן מיט אים. כאטש דער 'גורו' איז געווען א שווארצער אינדיאנער, איז ער איר געפאלן ממש ווי ער וואלט געווען דער געלונגענסטער מאן אין דער וועלט, און דעריבער האט זי אפגעהאקט אלע פארבינדונגען מיט איר משפחה.

און יעצט, ווען זי האט פלוצלונג געזען פאר זיך איר גרויסער ברודער, וועלכער האט זיך אזוי געמוטשעט און איר אויפגעזוכט ביז ער איז אנגעקומען דארט אינעם פארווקטן דערפל, האט זי אים קאלטבלוטיג געזאגט: א שאד דיר דיין גאנצן לאנגן וועג און דיין טירחא וואס דו האסט זיך געמוטשעט! נאכדעם וואס איך האב געפינען מיין לעבנס־גליק דא, און זיך פארבינדן דא מיט דעם 'גורו', וועלכער איז דער געלונגענסטער מענטש אויף דער וועלט, וועל איך שוין דא בלייבן אויף אייביג! ער איז מיין מאן און דא איז מיין פאמיליע! איך האב שוין נישט קיין שום קשר צו מיין פריערדיגע לעבן!

הערנדיג די ווערטער, איז איר ברודער אנגעפילט געווארן מיט רחמנות אויף איר, זעענדיג ווי איר נשמה איז אינגאנצן פארקויפט געווארן פארן סטרא אחרא, און ווי זי איז אינגאנצן דָּבוּק אינעם פייער פון די ערגסטע טומאה און נידעריגקייט אויף דער וועלט, רחמנא ליצלן.

דער ברודער האט גלייך פארשטאנען, אז וויפיל ער וועט נאר רעדן און זיך טענה'ן מיט איר אז זי זאל אפהאקן איר קשר מיט זיי, וועט עס גארנישט העלפן, דעריבער האט ער אפילו נישט פראבירט. נאר אויף אזויפיל האט ער געפאדערט פון איר, אז זי זאל מעלדן אירע עלטערן איבער איר שריט, אויף א שיינעם אופן. "זיי האבן דיר דאך אזוי געטריי ערצויגן אלע יארן! זיי האבן אויסגעגעבן אויף דיר אזויפיל געלט, און אויסגעצאלט אלע לערנונגען וועלכע האבן געקאסט זייער אסאך געלט, און האבן אפילו באצאלט דיינע אויסגאבן אויף דיין יעצטיגע רייזע, דעריבער איז נישט מעגליך אז דו זאלסט זיי אזוי פלוצלונג פארלאזן אין זייער טרויער", האט ער צו איר גע'טענה'ט.

ער האט געשילדערט פאר איר דעם געוואלדיגן צער און זארג פון די עלטערן, וועלכע האבן נישט קיין טאג און קיין נאכט, זוכנדיג נאך איר. דערביי האט ער זיך געבעטן ביי איר, אז איידער זי טוט דעם געפערליכן שריט, זאל זי קומען קיין ארץ ישראל און ערקלערן איר באשלוס פאר די עלטערן, און זיי בארואיגן אז זיי זאלן וויסן וואס עס טוט זיך מיט איר.

אין אנהייב האט זי נישט אזוי געוואלט אפלאזן איר ארט, אבער פארשטייענדיג דעם מצב האט זי געזען אז זי האט נישט קיין אנדער אויסוואל, און זי מוז עס טון פאר אירע עלטערן. דער ברודער דער יונגערמאן האט איר גלייך געגעבן א קארטל צו פארן קיין ארץ ישראל, און זי איז טאקע געקומען אויף א קורצער באזוך קיין ארץ ישראל, בעיקר כדי זיך צו טרעפן מיט אירע טייערע עלטערן און זיי ערקלערן איבער אירע קומענדיגע שריט אין לעבן.

•••

זייענדיג דא אין ארץ ישראל, האט דער ברודער באטראכט אלע סארטן וועגן וויאזוי ער וועט איר קענען איבעררעדן צו פארלאזן איר שלעכטן פלאן, און העלפן אז זי זאל זיך חלילה נישט שמד'ן און פארלוירן ווערן פון כלל ישראל. ער האט געכאפט א שמועס וועגן איר מיט א רב פון אן ארטיגן שול, זייער א געהויבענער איד, מיט זייער א שיינעם און געשמאקן שפראך און פארשטאנד צו מענטשן, וועלכער פלעגט טעגליך איבערגעבן א קורצער מוסר־שיעור צווישן מנחה און מעריב. דער ברודער האט אפגערעדט מיט אים, אז אין איינע פון די טעג וועט ער ברענגען זיין שוועסטער אין שול, און ער האט אים געבעטן אז אין יענעם טאג זאל דער רב זיך שטעלן אין זיין שיעור איבערן געפערליכן געפאר פון התבוללות, און אז ווער עס שמד'ט זיך טוט זיך אויסרייסן פונעם הייליגן וויינגארטן פון כלל ישראל.

איין טאג האט דער יונגערמאן באשטימט זיך צו טרעפן מיט זיין שוועסטער אין א נאנטע רעסטאראנט, זאגנדיג אז ער וויל דארט מסדר זיין פאר איר די דאקומענטן און געלט־זאכן וואס מען דארף... און אזוי, זיצנדיג צוזאמען, איז געקומען דער צייט צו דאווענען מנחה־מעריב, האט דער ברודער געבעטן זיין שוועסטער אז זי זאל מיטקומען מיט אים אין שול, און נאכן דאווענען וועלן זיי ווייטער דורכטון זייערע זאכן. די שוועסטער, וועלכע האט גארנישט פארדעכטיגט, איז מיטגעקומען מיטן ברודער אין שול, און איז אריינגעגאנגען אין ווייבער־שול, איבערציווארטן ביז מען וועט ענדיגן דאווענען.

דער ברודער האט זיך שוין אנגעהויבן צו פרייען, זעענדיג ווי דער פלאן איז געלונגען... אבער ווי גרויס איז געווען זיין ענטוישונג, זעענדיג אז פונקט אין דעם טאג האט דער רב נישט געקענט קומען אין שול, אזוי אז די געפלאנטע דרשה וועט נישט זיין... צווישן מנחה און מעריב האט זיך אויפגעשטעלט גאר א פשוט'ער מענטש, איינער פון די מתפללים, וועלכער איז נישט געווען קיין רב אדער דרשן, און בלויז כדי נישט צו מבטל זיין דעם קביעות'דיגן שיעור, האט ער גענומען א "קיצור שולחן ערוך" אין האנט, און פארגעליינט דערפון די טעגליכע הלכה, וועלכע האט זיך דעמאלטס גערעדט וועגן די הלכות פון "השבת אבדה".

דער שיעור איז געווען גאנץ טרוקן און פשוט, און דער דרשן וועלכער איז בכלל נישט געוואוינט געווען צו רעדן, האט אפילו נישט פראבירט עפעס זאפטיגער צו מאכן דעם שיעור, נאר ביים סוף פונעם שיעור האט ער אויסגעפירט אז ווי עס זעט אויס, פירט מען אמאל צו פון הימל אז איינער זאל עפעס פארלירן, כדי צו מזכה זיין אן אנדער איד מיט די געוואלדיגע מצוה פון השבת אבידה!

מיט אט די ווערטער האט זיך געענדיגט דעם שיעור, און מען האט אנגעהויבן דאווענען מעריב. דער ברודער איז געווען זייער ענטוישט! ביז עס איז אים שוין געלונגען צו ברענגען זיין שוועסטער אויף א באגעגעניש מיט אים, און דערנאך איז זי שוין געקומען מיט אים אין שול, און נאכן אלעס אפרעדן מיטן רב, און דא איז די גאנצע פלאן געגאנגען צוגרונד!

דערווייל האט די שוועסטער פארגעזעצט מיט איר פלאן, זי האט געגעבן צו פארשטיין פאר די עלטערן אז זי איז פעסט מיט איר פלאן, און זיי האבן נישט קיין אנדער ברירה נאר צו משלים זיין מיטן מצב... זי האט ערלעדיגט עטליכע זאכן וואס זי האט געדארפט טון דא אין לאנד, און האט זיך נאכאמאל ארויסגעלאזט אינעם ווייטן וועג קיין מזרח, דאסמאל מיטן פלאן קיינמאל נישט צוריקצוקומען!

זי איז געווען זייער פעסט מיט זיך, און מיט א ברענענדיגע עקשנות האט זי באשלאסן אז זי גייט מיט דעם ביזן סוף, אזוי ווי אונזערע חכמים זענען מעיד אז ווען אידן גייען אראפ ח"ו, גייען זיי חלילה אראפ ביזן תהום (מגילה טז.)... זי האט גלייך אנגעהויבן מיט אירע צוגרייטונגען אויף איר חתונה, וואס האט זיך געדארפט אנהייבן מיטן זיך שמד'ן, רחמנא ליצלן, און גלייך דערנאך די חתונה מיטן אומווירדיגן גוי, דער 'גורו', וועלכער איז געווען איין שטיק טומאה און אפיקורסות, השם ירחם!

אזוי זענען דורכגעגאנגען עטליכע חדשים פון פיבערהאפטיגע צוגרייטונגען, ביז אין איין שיינעם טאג האט די מיידל זיך פארבינדן מיט אירע עלטערן אין ארץ ישראל, ארום צוויי וואכן איידער די שמד און חתונה פייערונגען האבן געדארפט פארקומען, און זי האט זיי געלאזט וויסן, אז זי קומט צוריק קיין ארץ ישראל... וויבאלד צוליב פארשידענע סיבות איז דאס גאנצע פלאן בטל געווארן, און זי גייט אוועק פון יענעם גרופע אינגאנצן!

די שמחה ביי די משפחה איז געווען אן קיין גרעניץ. יעדער האט זיך געפריידט, און מער פון יעדן איינעם האבן זיך געפריידט די עלטערן און דער געטרייער ברודער, און האבן איר צוגעגרייט א הערליכע און פראכטפולע 'קבלת פנים', צו דעם פרייליכן געלעגנהייט וואס זי קערט זיך צוריק צו איר אידישן אפשטאם

המשך אין עמוד ד' <

און צו איר פאמיליע!!!

•••

די מיידל איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל זייער באגייסטערט, און ווען מען האט איר איינגעלאדנט, גלייך ביים אנקומען אין לאנד, צו א 'קבלת פנים', איז זי געווען אויסער זיך! זי האט געמיינט אז מען וועט איר פארטרייבן בבושת פנים און מען וועט איר נישט וועלן אנקוקן, נאכדעם וואס זי האט זיך אזוי פארפרעמדט פאר זיי, און דא זעט זי ווי מען נעמט איר אויף אזוי ליבליך, אנשטאט איר פרעמדקייט און שלעכטס! מיט גרויס באגייסטערונג, האט זי זיך אויפגעשטעלט אינמיטן די מסיבה און געבעטן ערלויבעניש צו רעדן. זי האט פלוצלונג אנגעהויבן זייער שטארק צו וויינען, וואס האט באנומען אלע פארזאמלטע.

נאכדעם וואס זי האט זיך אביסל בארואיגט, האט זי אנגעהויבן איר שפאנענדע דערציילונג, אין פארנט פון איר פאמיליע, ערקלערנדיג וואס איז אריבער אויף איר אין די לעצטע שטיק צייט.

אין אנהייב, ווען איך בין אנגעקומען דארט ביי יענעם גרופע אין אינדיע, בין איך ממש ענטציקט געווארן. איך האב דארט געטראפן אביסל אן אינטערעסאנטע באדייט אין לעבן, אנשטאט די לאנגווייליגע לעבן וואס איך האב געהאט דא אין לאנד... איר קענט דאך דיליידיגע לעבן וואס מיר לעבן דא אין לאנד אויפן 'קיבוץ', וואו מען איז פארנומען מיט די נארישע פאליטיק, און מיטן אפרייסן מאראנצן און באנאנעס... א לעבן וואס איז פול מיט ליידיגקייט, און אן קיין שום עכטע אינהאלט... אזוי ווי אלע יונגווארג אין אונזער צייט, האב איך געזוכט אביסל תוכן, אויסער די פשוט'ע פיזישע ארבעט... דארט אין אינדיע האב איך געטראפן, ביי דעם גרופע, א לעבן ווי זיי דינען זייער עבודה זרה, וועלכע באשעפטיגן זיך אסאך מיט מיסטישע זאכן, און נישט נאר מיטן קערפער און מיט געלט...

איך בין שטארק נאכגעצויגן געווארן נאך זיי, און בעיקר בין איך געצויגן געווארן נאכן גרויסן שווארצן 'גורו', דער קעניג פון די גרופע, וועלכער האט מיר אויסגעזען ווי א שלימות'דיגער מענטש... ער האט געלעבט זייער שטארק מיט די גייסטישע און מיסטישע זאכן, דעריבער בין איך געכאפט געווארן מיט אים.

איין טאג, ווען איך האב געהאלטן אינמיטן שפאצירן מיטן 'גורו' איבער די גאסן פונעם דערפל, שמועסנדיג געשמאק איבער אונזערע זאכן, האבן מיר פלוצלונג געזען אן איבערגעפולטן גלאנציגן בערזל אויף דער ערד, וואס איז מסתמא אראפגעפאלן פון איינער פון די פילע טוריסטן וואס קומען דא שפאצירן. דער טייסטער האט ענטהאלטן פילע דאקומענטן, און אויך דעם נאמען און אדרעס פונעם אייגנטימער, אין צוגאב פון אפאר טויזנט גרינע גלאטע דאלארן...

דער געערטער 'גורו' האט מיט גרויס חשיבות אויפגעהויבן דעם בערזל, באטראכטנדיג זיין אינהאלט, און מיט גלאנציגע אויגן האט ער שמייכלנדיג געזאגט צו מיר: דו זעסט? אונזער מזל שפילט גוט! און אזוי רעדנדיג האט ער אריינגערוקט דעם בערזל טיף אין זיין קעשענע...

אין דעם זעלבן מינוט, האט די מיידל ווייטער דערציילט, האב איך זיך דערמאנט אין א 'שיעור' וואס עס איז מיר פונקט אויסגעקומען צו הערן, באזוכנדיג ביי מיין ברודער'ס שול, וואו מען האט געלערנט וועגן די הלכות פון "השבת אבדה". זי האט זיך געווענדן צו איר ברודער, וועלכער איז געבליבן ערשטוינט, און אים געפרעגט: געדענקסטו, מיין ברודער, ווען איך האב זיך געטראפן מיט דיר, און אינמיטן זענען מיר געגאנגען צו מנחה־מעריב אין שול, און עס איז געווען דארט א קורצן שיעור, ווי איינער האט פארגעלערנט די הלכות פון השבת אבידה, ערקלערנדיג אז צומאל מאכט מען אז איינער זאל עפעס פארלירן, כדי צו מזכה זיין אן אנדער איד מיט די מצוה פון השבת אבדה? "זיכער געדענק איך", האט דער ברודער געענטפערט. און ביי זיך אין הארץ האט ער זיך דערמאנט, ווי ענטוישט ער איז דעמאלטס געווען.

פארציילט די מיידל ווייטער: האב איך זיך גלייך אנגערופן צום 'גורו': וואס פעלט אונז דען אויס דער בערזל? דו האסט דאך פילע מיליאנען וואס ליגט אין באנק־קאנטעס איבער די וועלט... פון אלע געלט וואס דיינע מענטשן האבן דיר געדארפט געבן, און נאך שווארצע באהאלטענע געשעפטן... וואס פעלט עס דיר דען אויס? זיכער דרייט זיך דא א טוריסט מיט גרויס צער, נאכן פארלירן זיין טייסטער, נישט האבנדיג קיין פרוטה פאר די נשמה... דא האסטו זיין פאספארט און אלע זיינע איינצלהייטן, לאמיר עס אים צוריקגעבן. מיר דארפן דאך נישט די פאר טויזנטער וואס ליגן דא!

דער 'גורו', הערנדיג די ווערטער, האט מיר געגעבן אזא אויפגערעגטער בליק, און מיט א צארנדיגער שטימע האט ער געזאגט: וואס רעדסטו? פון ווען אן איז געהערט געווארן, אז ווען דער מזל צושפילט זיך פאר א מענטש, און ברענגט אים אזא מתנה 'ממש פון הימל' צו זיינע פיס, אז ער זאל קאליע מאכן זיין מזל ממש מיט די הענט! דאס מאכט קאליע די נשמה און עס מאכט קאליע דאס גאנצע ליכטיגקייט וואס מיר האבן געלערנט אין די תורת המיסטיקע (עַפְרָא לְפוּמֵיהּ).

אזא סארט געדאנקען־גאנג, האט דער 'גורו' מיר ווייטער אויסגע'מוסר'ט, איז פונקט פארקערט ווי אלעס וואס מיר האבן געלערנט, אז דער מענטש דארף זוכן בלויז זיין אייגענע טובה... די ליכטיגקייט וואס וועט אים באלייכטן און מאכן גוט פאר אים... דאס איז נישט אנדערש ווי א מתנה וואס מען דארף אויפהייבן פון די ערד, און גרינגערהייט פארדינען א גוטע פאר אלפים... עס איז נישטא קיין שענערער מזל ווי דאס!

אבער איך, האט די מיידל ווייטער דערציילט, האב גוט געדענקט דעם אינהאלט פונעם שיעור, וואס דער מענטש האט פארגעליינט אין שול, וואס דאס איז דער געטליכער באפעל וואס איז אונז געגעבן געווארן אויפן בארג סיני! איך בין דאך פָּארט א איד... איך האב נישט געקענט אפלייקענען דעם אמת וואס שרייט פונעם אויבערשטנ'ס באפעל מיט די מצוה פון השבת אבדה! איך בין זיכער געווען אז פון הימל האט מען געמאכט אז יענער זאל פארלירן זיין טייסטער, כדי דער וואס געפינט עס זאל האבן די זכיה צו טון א מצוה!!!

האב איך זיך געווואנדן צום 'גורו', מיט א פשוט'ע שאלה: און מעגליך האט מען פון הימל צוגעפירט אז דער טוריסט זאל פארלירן זיין טייסטער, כדי מיר זאלן זוכה זיין עס אים צוריקצוגעבן, און אים צוריקגעבן זיין לעבן אנשטאט אים צו מאכן אומגליקליך. דערמיט וועלן מיר געפינען דעם גוטן ליכטיגקייט, און די פרייד פון אונזער לעבן, דורכדעם וואס אונז האבן געהאלפן אן אנדערער און געטון דאס וואס מיר דארפן טון?

"וואס עפעס"? האט דער 'גורו' זיך גענומען דינגען. מיר זוכן דאך נאר אונזער אייגענעם טובה, נאר דאס וואס איז גוט און געשמאק... דאס איז וואס מען טוט! מען נעמט נישט אין חשבון קיין שום אנדערע זאך, און דער געלט איז נישט עפעס אנדערש ווי דעם גוטן מזל וואס האט מיר געשפילט, אלס 'גורו' וואס געוועלטיגט אין די מזלות...

דער סוף פון יענעם שארפן געפעכט איז געווען, אז די מיידל האט אנטפלעקט דעם אמת, אז זי און דער 'גורו' זענען צוויי פארקערטע באשעפענישן, כְּרְחֹק מִזְרָח מִמַּעֲרָב. פון דעמאלטס און ווייטער האבן זיך זייערע וועגן צושיידט, ווען אין א שיינעם טאג האט זי אים אפגעלאזט אן אפילו צו זאגן א גוטן טאג. אריינטראכטנדיג אין די טיפקייט פון די תורה הקדושה און אירע וועגן, האט זי אנטפלעקט דעם הייליגן אינערליכן אינהאלט פון די לויטערע נשמה, און דא האט זי געפינען פונקט דאס וואס זי האט געזוכט, און איז געווארן א פולשטענדיגע בעלת תשובה!

אט דער וואונדערליכער מעשה לערנט אונז, ווי פארהוילן זענען די וועגן פונעם אויבערשטן, און קיינער ווייסט נישט וואס מען פירט אים צו פון הימל! אויב דער רב וואלט יענער טאג יא געקומען אין שול, און ער וואלט איבערגעגעבן דעם שיעור אזוי ווי ער האט אפגערעדט מיטן ברודער, איבער די נארישקייט פון עבודה זרה, און ווי געפערליך עס איז זיך צו שמד'ן חלילה, ווער ווייסט צי עס וואלט געהאלפן... מעגליך וואלט די שוועסטער געכאפט אז עס איז נאר געווען א 'טריק' וויאזוי איר אויסצונארן, און דעמאלטס וואלט זי זיך דווקא קעגנגעשטעלט... און דווקא א פשוט'ן שיעור אין "השבת אבדה" אינעם קיצור שולחן ערוך האט געהאלפן, אן קיין שום חידוש אדער געוואלדיגער געדאנק, און אן קיין שום 'פשעטל', האט געטון די בעסטע ארבעט.

זעען מיר דערפון, אז קיינמאל קען מען נישט וויסן וויאזוי א זאך וועט אויסגעפירט ווערן! דעריבער, דארף יעדער טון דאס וואס ער דארף טון, דו לייג אריין דיין רצון און הארץ, "אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ", און פון הימל וועט מען שוין אלעס צושטעלן אויפן בעסטן פארנעם!!!

[נ. ב. ווען הגאון המפורסם רבי דוב טורק שליט"א האט געזען דעם בלעטל, האט ער צוגעלייגט, אז מען קען זיך לערנען נאך עפעס פון דעם דערציילונג, אז ווי נאר די מיידל איז אריינגעגאנגען אין שול, אפילו נאר אינעם עזרת־נשים, האט זי שוין גלייך זוכה געווען אז די קדושה האט זיך אנגעכאפט אין איר, און געמאכט א שורש אין איר הארץ, אזוי ווי דער פאניוויטשער רב זצ"ל פלעגט זאגן וועגן "יוֹסֵף מְשִׁיתָא" (ב"ר סה, כב) אז גלייך נאכדעם וואס ער איז במזיד אריינגעגאנגען אינעם בית המקדש און האט ארויסגענומען דעם גאלדענעם מנורה, האט ער בשום אופן נישט מסכים געווען אריינצוגיין נאכאמאל, און האט זיך מוסר נפש געווען דערפאר. דאס איז געווען וויבאלד די געוואלדיגע קדושה פונעם בית המקדש האט זיך אנגעזאפט אין אים נאכדעם וואס ער איז אריינגעגאנגען אינעם בית המקדש, ודברי פי חכם חן]. [מתוך שיחה פרטית - ב' כסליו תשע"ב]





## על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער נלבע י"ג אלול תשפ"ב תנצבה

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רוזה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנ.צ.ב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321 גרפצ'יק

קשת הרשת מיתוג יח"צ וקידום מכירות 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173